# פיניעלע מזיק
## גיט לשון



א קלאל יאטן, איך בין שוין צוריק פון מיער וויטיג. כאמיך שוין גיט אגיסמאליעט, כאב שוין א בראוון פונים, כאב מיך פאגראזיעט, כ׳טהל מיך צוריק אין די פוגיס. כ׳האב גיט אנגעשמירט די זאויאסעס. כאב גיקריגן א פונר גרויסע מוס־קולן און א שטארקן בריסט־קאסטן, גו וועל איך מידער קענע געבן לושן.

וואס הערט זיך ועפעס אין באליט? כ׳אב גיהעיערט, אז די הויר־אראקעס אבן זיך ווידער צעלאזט אין באליט. זיי אנע ווידער געליפטערט. אלץ, אז איך בין בישט דו. פארוואס אט ועך בישט געטין אזוי ווי איך אב ועגק גילערבט? כאדיך ועגק גיזגט, אז צועט זעיען די הויראקעס, ואלט ועך גורביש קלעין און קיפן. מ׳לייגט לאר־מיס, אז ס׳זאל גיין א קויש!

יעץ העיער איך, אז איין שאלעי אט מען שוין אוועקגעשיקט אין צדאציקע־לאנער ארא און נאך צווי זיצן שוין אפן קיב׳ל — א שייגע רייבע קיפורע אף זיי־אמער ווען איך וואלט דא גיווען, וואלט איך זיי פאצייילט די מאנסע פון שווייגער אכעט.

גו, וואס איז גיוועןן איז גיוועןן, יעץ בין איך, פיניעלע, שוין דו. זאל יעך א שאלעי פריוון צו קימען אין שמולן געסל אראן. איך אב יעץ גרויסע מוסקולן און א שטאיקן בריסט־קאסטן.

א קלאל, יאטן, אלע מיט מיר, מ׳מוו צוריק מאכן אביסל פאזשאנדעק אין באליט.

ס׳ערשטע עלן מיר זיך בעמן מאכן פאזשאנ־דעק מיט די באליטער כעזרע קדישע.

אין מיר העיזואל א גיטן שאבים און זאצן מיר גיזונד!

—בם:ג—

## אין פענסיאנאט

פענסיאנארקע: איך גיה מיך אביסעל צו־העהנען, אויב ס׳וועט מיך הונגערן זאלט איהר מיך אויפוועקן.

קעלנער: פון וואגען וועל איך וויסן, ווען ס׳וועט אייך הונגערן?

פענסיאנערקע: ווען איהר וועט מיך גאר אויפ־וועקן.

יעלעם

## פון א לאדזער טעאטער

ארטיסט (צום צוייטען) כ׳האב געהערט, אז אויפ׳ן לעצטען אקט, האט מען דיך אויסגעפיפען.

צווייטער: ס׳איז א ל גען? אויפ׳ן לעצטען אקט איז קיין לעבעדיגער מענש נישט געווען אין טעאטער

## צווישען לאדזער סוחרים

— וואס הערט זיך ביי אייך?

— אזוי, עס דרעהט זיך.

— ?

— די קאמבאשען זעגען אויסגעדרעהט. ס׳מע־בעל איבערגעדרעהט און דער קאפ אויך פערדרעהט.

ריעלעם.

## א געשיכטע אין 3 ווערטער
### א שמועס׳ל אין סטאשיץ־פארק

— איהר הערט. פאניע ציטעס, מיט מיין פער־שטארבענער פרוי בין איך 5 יאהר געווען פער־לאבט, 10 יאהר פערהייראט, און איצט בין איך שוין דאס 7־טע יאהר אנ׳אלמן.

— אז איהר ווילט קענט איהר דאס זאגען אין דריי ווערטער: הימעל, גיהנום, גן־עדן.

## אי, די קאנקורענץ!
### יודישע געשעפטען

ערשטער: וואס מאכסטו, הערשעל?

צווייטער: גארנישט.

ערשטער: א גוטע בעשעפטיגונג!

צווייטער: ס׳איז נישט שלעכט, נאר וואס קומט ארויס, אז ס׳זענען דא צופיל קאנקורענטען דערויף.

## ביי א פול טשארני

— וואס הערט זיך עפעס ביי אייך?

— איך רעכען איינצאנצען זיך איבערצוציהען קיין יעזעף.

— וואס עפעס גראד קיין יעזעוו?

— כ׳רעכען מיר דארט צו בויען אנ׳עלעקטראוניע.

— א וואזשנער א׳יפטו! אנ׳עלעקטראווניע אין יעהער? דארט איז דאך איינגאנצען קיין עלעקטריע נישטא!

## אין „קאכאנובקע"

דאקטאר (צי א זשורנאליסט): אט א דער מע־לאנכאליק איז א קרבן פון פעיאט: זיין פרוי האט געלעבט מיט א קאכאנעק איז ער אראפ פון זינען.

זשורנאליסט: און ווער איז יענער ווילדער, וואס דראפעט זיך אויף די גלייכע ווענד?

דאקטאר: דאס איז טאקע דער אייגענער קאכאנעק.

## היינטיגע אידעמעס

— וואס איז אייער נייער איידעם?

— ער האט א פערשרעווגג.

— ?

— ער שפיעט און פערטרעט — און אייער איידעם?

— מיינער האט אנ׳עקספעדיציע.

— ?

— ער האט שוין עקספעדירט דעם דריטען נדן.

ריעלעם.

## ווי קומט צוקער צו נאפט?
### אין ווישניאווער וואלד

יודענע: זי ווייסען גילדענע, דער דאק־טאר האט מיר געזאגט, אז איך האב א צוקער־קרענק.

צווייטע: איך זאג איהן, אז דער דאק־טאר ווייסט טאקע א קרענק; ווי אזוי קענען די קראנק זיין אויף א צוקער־קרענק, אז זי האנדלען גאר מיט נאפט און מיט שיטעריע זייף.

## סוף ליבע

כ׳האב פערליבט זיך אין א מיידעל, נישט גע־קענט שלאפען, נישט טון קיין דרימעל.

אז זי האט מיר איהר האנד געגעבען. בין איך געווען אין זיבעטען הימעל.

• • •

געשטעלט האב איך מיט איהר א חופה, נישט לאנג געטראכט און נישט געקלערט.

יעצט איז זי אויף אייביג מיינע און איך בין — טיף אין דר׳ערד.

רעלעם.

## זי קען זיך אויף איהם

— נו, וואס האט געזאגט איהנס טאטע צום נדן, וואס איך היים מיר געבען?

טאכטער פון קצב: מיין טאטע האט געזאגט, אז דער נדן איז צו גרויס, אקסען, זאגט ער זענען היינט שטארק געפאלען.

ש. רעלעם.

## ס׳איז א גרויסער חילוק

— זאגט מיר, וואס איז דער חילוק פון אונזערע בעציהונגען צו די סאוויעטען ביז די בעציהונגען צו אונזערע היימישע קאמוניסטען?

ס׳איז אזא חילוק ווי פון א דיפלאמאטישען פראטאקאל ביז א פאליציאישען פראטאקאל.

## ער קען שוין יא רעכענען

לעהרער (צום שילער) זאג מיר פאמעלאנק, אז דיין טאטעשי איז געגאנגען אין אוריושאנע סקארבאווי צאהלען א פאראטעק 20 זל. און דער טאש האט ער געהאט 50 זל. ווי פיל איז איהם געבליבען?

שילער: גארנישט.

לעהרער: קענסט נישט רעכענען.

שילער: איך קען יא רעכענען, דער לעהרער איז מסתמא נאך קיינמאל נישט געווען אין אוריושאנע סקארבאווי...

## קליינע אנאנסען
### ביז 15 ווערטער צאהלט מען בלויז צו 1 זל.

פראנצויזיש ועילערענט גרינדליך א גע־בוירענע פאריזערין. אין די פרייע שעה׳ן, איז זי גרייט צו קלאפען בעטגעוואנט.

א באנקדירעקטאר זוכט א פאסטען, מ׳קען איהם זעהען יעדען טאג צווישען 12 און 1 אויפ׳ן „ספאצערניק" אין דער „מילשא".

א פאמיליען־קבר בעקומט נדן א יונ־געדמאן וואס האט א גוטען פאסטען און קען דער־נעהרען א פרוי.

אפערטען אונטער כ׳זיל חתונה האבען צום „קונדס".

# דער קונדס

● הומאר

● סאטירע

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 193 — פרייטאג, דעם 17 אויגוסט 1934

## די נאכווערהען פון דאטשע



ליעטניק

### דאס פויערל לאזט נישט ארויס
### און הייסט זיך בעצאהלען די חובות

